# געוואלדיגע רעיונות

פרשת קרח תשפ"ב, עלון מס' 441

צו קויפן איינער פון דער מחבר'ס ספרים, און באשטעלן אז עס זאל אנקומען ביי דיין טיר, ביטע שיק אן אימייל צו:
**yalt3285@gmail.com**
אדער קענט איר קוקן ביי:
**https://amzn.to/3eyh5xP**
(וואו איר קענט אויך זעהן די באריכטן)













## מיר פאַרשפּרייטן הערליכע דברי תורה איבער דעם גלאָב

קאַנאַדע • טשילע • טשיינאַ • טשעכיי • ענגלאַנד • פֿראַנקרייַך • דייַטשלאַנד • • בראַזיל • אַרגענטינע • עסטרייך • אויסטראַליע • בעלגיע
גיבראַלטאַר • האָלאַנד • אונגארן • אינדיאַ • ארץ ישראל • איטאַליע • מעקסיקא • פּאַנאַמאַ • פּוילן • רוסלאַנד • דרום אפריקע • שווייץ • אוקריינא •
פאראייניגטע אַראַבער עמיראַטעס • ארצות הברית • ווענעזועלאַ

צו פאַרבינדן די טויזנטער לייענער און באַקומען די גליונות בחינם, אָדער צו שיקן הערות אָדער תשובות, ביטע פאַרבינדט
איך מיט הרב יהושע אַלט YALT3285@GMAIL.COM
דער גליון ווערט געליינט אין זעקס קאָנטינענטן און אין איבער פערציג לענדער ארום דער וועלט.
לעילוי נשמת הרב שלום דובער בן הרב יצחק ז"ל

This newsletter can also be viewed at https://bit.ly/3z9qF5E.

דעם נוזלעטער קען מען אויך זען אויף יידיש ביי https://bit.ly/38RvdTI

Pour voir ou télécharger la version Française: https://parshasheets.com/?s=Fascinating+Insights.

אפשר לקרוא את עלון זה בעברית באתר: הורדות-עלונים/רעיונות-מדהימים-הורדות-עלונים https://www.dirshu.co.il/category/.

***דער מחבר ערלויבט און שטיצט סיי ווער עס וויל פאַרשפּרייטן דעם גליון צו דעם ציבור.***

## שבת'דיגע זמירות

וואס טוען מיר אויף מיט די אלע זמירות וואס מיר זינגען ביי די שבת סעודות?

דאָס וואָרט זמירות קען מען טייטשן "אויסרייסן דערנער," אזוי ווי "לא תזמור." (ויקרא כה:ד). פונקט ווי ווען א גערטנער רייניגט זיינע ביימער רייסט ער דאן ארויס די דערנער כדי צו פארבעסערן אז עס זאל קענען ארויסוואקסן גוטע פירות, די זעלבע איז ארויסגעשטעלט געווארן מיט די שבת זמירות וואס טוען אוועקטרייבן די אומריינקייט וואס טיילט אונז אפ פון דער הייליגער באשעפער, און טוט אויפהייבן די נשמה פון די וואכענטעג צו שבת קודש.

דער הייליגער יעב"ץ (הרב יעקב עמדין) זי"ע שרייבט די וואונדערלעכע ווערטער: (סידור יעב"ץ, סעודה ראשונה) "די ווערטער פון די שבת'דיגע זמירות זענען צוזאמגענומענע פסוקים פון תנ"ך, הלכות, ש"ס, זוה"ק, און מדרשים וועלכע האבן א שייכות מיט די הייליגע שבת. דער וואס זאגט די הייליגע ווערטער ברענגט גוטס אויף דער וועלט. דער הייליגער באשעפער באהעפט זיך צו אים, און ער האט צו זיין קול. ער האלט אויך אן דער וועלט אז עס זאל נישט חרוב ווערן."

## חזר'ן הסטוריה

לערנען הסטוריה איז זייער וויכטיג. מיר טרעפן א זכר צו דעם, "זכור ימות עולם" (דברים לב:ז), געדענק די טעג פון אַמאָל.

אין 1997 איז הרב בערל ווײַן שליט"א אריבערגעפארן קיין ארץ ישראל און איז געגאנגען שאפן א מדינת ישראל דרייווערס לייסענס. בשעת די דרייווינג פראָבע, האט זיך דער פארהערער אנגערופן, "כבוד הרב, איר זענט אַ גוטע דרייווער." האט הרב ווײַן געפרעגט דער פארהערער פארוואס ער זאגט אזוי. האט דער אונטערזוכער מסביר געווען אז בשעת ער האט ארויסגעצויגן דער אויטא פון די אריגענאלע פלאץ, האָט ער צוערשט געקוקט אין דער אונטערשפיגל, כדי צו פארזיכערן אַז עס פארן נישט אויטאס פון אונטן. הרב ווײַן האט אנגעמערקט אז דאס איז איינע פון די גרויסע פראבלעמען פון דער היינטיגער דור. מיר פארפעהלן צו קוקן אין דער אונטערשפיגל פון דער אידישער געשיכטע. מיר קוקן בלויז אויף וואָס איז ווייטער פון אונז און מיר לייגן נישט צו קאפ צו די פאסירונגען פון אמאל. מיר וועלן מער קענען מצליח זיין מיט אונזער לעבן אויב מיר האבן א קלארע בליק אויף צוריק, אין אונזער הסטוריה אלץ א פאלק. דורכ'ן פארשטיין פון וואו אונז שטאמען און אלעס

וואס מיר האבן אמאל אדורכגעגאנגען, קענען מיר האפן צו פארשטיין וואס אונזער ראלע איז אויפ'ן היינטיגן וועלט, און וואס מיר דארפן ווייטער טוהן בעזהי"ת.

## לפני ה' תמיד

אמת'דיגע לעבן לעבן מיט דער אויבערשטער מיינט לעבן מיט אים יעדער מאָמענט פון לעבן. אויף דעם וועג קענען מיר מקיים זיין דער פסוק: "לפני ה' תמיד." (שמות כח' כט') מיר זאלן שפירן אלעמאל אז דער הייליגער באשעפער איז דא אין פארענט פון אונז, אזוי ווי עס שטייט: "שויתי ה' לנגדי תמיד" (תהלים טז:ח), דער אויבערשטער איז שטענדיג פאר מיר.

די אבות און אמהות ווייזן אונז אויף די סארט לעבן. אויב מיר רעכענען אויס די סכום פון אותיות און זייערע נעמען, קומען מיר צו אן אינטערעסאנטע אויפדעקונג. אין די נעמען אברהם, יצחק, יעקב זענען דא 13 אותיות. אזוי אויך אין שרה, רבקה, רחל, לאה זענען דא 13 אותיות. די נומער 13 איז בגמטריא די וואָרט "אחד." ווען מיר רעכענען צוזאם 13 און 13, ווערט 26, די גימטריא פון י-ה-ו-ה. דאָס ווייזט אונז אַז די אבות און אימהות זענען אלעמאל געווען באַהאפטן צו ה' (י-ה-ו-ה) אחד.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין דער פסוק, "צדיק ה' בכל דרכיו" (תהלים קמה:יז): ווער איז אַ צדיק? איינער וואס איז באהאפטן צו ה' יתברך אין אלע זיינע געשעפטן.

מיר דארפן היטן די תורה און מצוות 24 שעה טאג טעגליך, ווי עס שטייט "וחי בהם" (ויקרא יח:ה), לעבן מיט דער אויבערשטער'ס תורה און מצוות. מיר באַמערקן דעם געדאַנק, ווײַל "וחי" איז בגמטריא 24, צו ווייזן אז מיר דארפן לעבן מיט השם יתברך 24 שעה א טאג דורך די תורה און מצוות.

דער באַגריף איז מרומז אין עטליכע ערטער אזוי ווי מיר וועלן יעצט זעהן.

1) תנ"ך באשטייט פון די פינף ספרים פון חומש, און ניינצן פון נ"ך. דאָס געבט אונז 24, צו לאזן הערן אַז מיר זאָלן לעבן מיט דער אויבערשטער'ס תורה דעם גאַנצן טאָג.

2) עס זענען פאראן 24 תכשיטי כלה, באצירונגען פון אַ כלה (ישעיה ג:יח-כד). מיר, די כלה פונעם באשעפער, דארפן זיין געטריי צו אים 24 שעה טעגליך.

3) אין וועלכע פרק און פסוק שטייט די באַרימטע ווערטער פון "נעשה ונשמע"? קיין אַנדערער ווי (פרק) 24, (פסוק) 7! די דאָזיגע ווערטער געפינען זיך אין פרשת משפטים. מיר זאָלן לעבן לויט די משפטי התורה 24 שעה אַ טאָג, 7 טעג אין דער וואָך.

שבת איז א טאג נאר פון אונז און השם יתברך, ווי מיר זעהן אין דעם וואס מיר זענען גע'אסר'ט צו טוהן די ל"ט (39) מלאכות. למעשה האט ה' אחד (אויסגעשריבן י-ה-ו-ה) א גמטריא פון 39, ווייל ווייבאלד עס איז א טאג אויסשליסלעך פון אונז און דער הייליגער באשעפער, און מיר היטן זיך אפ פון טוהן די 39 מלאכות.

וויפיל פרקים זענען דא אין מסכת שבת? 24! און דערצו, די ראשי תיבות פון **ו**שמרו **ב**ני ישראל **את השבת** (שמות לא:טז), (די אידישע קינדער זאָלן היטן שבת), האָט אַ גמטריא פון 24.

הרב אלט האט זוכה געווען צו לערנען אונטער רבי מרדכי פרידלענדער זצ"ל און איז געווארן פאראדנט פאר רב דורך רבי זלמן נחמיה גאלדבערג זצ"ל. הרב אַלט האָט אַרויסגעגעבן דריי ביכער אויף פאַרשידענע טעמעס אין די געביטן פון אידישקייט און אידישער געדאַנקען. זיינע שריפטן דערשיינען אויף ענגליש, אידיש, עברית, דייטש און פראנצויזיש.